בס״ד

# עונג שבת

## פרשת אחרי תשע״א

**גוט שבת אלע אידן.** רב שלמה חיים גראוסקין ע״ה, דער רב פון קהילת בני ציון אין דעטרויט מישיגאן, טוט אסאך מקרב זיין אידן. די פאלגענדע מעשה ווייזט אויף א מורא׳דיגע אופן ווי איין איד איז צוריקגעקומען צו אידישקייט דורך דעם רבונו של עלום און פון רב גראוסקין.

יעדעס יאר פאר פסח, טוט רב גראוסקין ארומפארן טיילן פסח פעקלעך אנגעפילט מיט מצות, פיש, וויין און אלע געברויכן פאר יום טוב, פאר נישט געזונטע אידן וואס דארפן זיין ליידער אין שפיטאל אויף פסח. א פרייער איד מיט׳ן נאמען ״מילטון״ האט געהאלפן רב גראוסקין טיילן די פעקלעך. מילטון האט געפירט דעם ווען, פול מיט אלע פעקלעך.

איין יאר פאר פסח האט רב גראוסקין באקומען א שרעקליכע טעלעפאן קאל פון מילטון. ״האלו, רבי... דא רעדט מילטון.״ ״מילטון! וואס טוט זיך?״ האט רב גראוסקין געפרעגט. מילטון איז געבליבן שטיל א פאר סעקונדעס.

״איך בין יעצט אין שפיטאל, איך בין קראנק. ביטע דאווענט פאר מיך...״ האט מילטון געזאגט פאר רב גראוסקין מיט א שוואכקייט אין זיין שטימע. רב גראוסקין האט פארשטאנען אז דער מצב איז ערנסט, און ער האט געזאגט פאר מילטון אז ער וועט באלד קומען באזוכן מילטון.

דער נעקסטער טאג איז רב גראוסקין געפארן צו מילטון אין שפיטאל. מילטון האט נעבאך אויסגעקוקט זייער שוואך. ער האט פארלוירן וואג און זיין פנים איז געווען געל, רח״ל. ״ראביי, ביטע דאווענט פאר מיך אז איך זאל האבן א רפואה שלימה! די דאקטורים זאגן אז איך האב די שרעקליכען קרענק אין מיין פאנקריעס.״ האט מילטון געזאגט פאר רב גראוסקין.

״מילטון,״ האט רב גראוסקין אנגעהויבן צו זאגן מיט א ווארעמקייט. ״אלעס וועט זיין אי״ה בסדר. דו האסט א גוטע הארץ און דו האסט מיך און אסאך אנדערע אידן געהאלפן די לעצטע פאר יארן פסח צייט. דער זכות זאל ביישטייען. איך גיי דאווענען פאר דיך. אבער, איך דארף דיך זאגן, אז עס איז דא עמעצען אנדערש וואס קען דאווענען פאר זיך. און דער עמעצען׳ס תפילות וועלן אסאך שנעלער נתקבל ווערן ווי מיינע תפילות.״ ״ווער איז עס?״ האט מילטון געפרעגט מיט התרגשות. ״איך דארף אים גלייך רופן!״ רב גראוסקין האט געטראכט א פאר סעקונדעס און געענטפערט פאר מילטון, ״שבת, מילטון. די הייליגע שבת קען דאווענען פאר דיך.״ ״וואס מיינט איר?״ האט מילטון געפרעגט מיט א צומישטקייט. ״מילטון, הייב אן צו היטן שבת. און אין די זכות, וועט די שבת דאווענען צו דעם רבונו של עולם אז דו זאלסט האבן א רפואה שלימה.״ מילטון האט געטראכט פאר א פאר סעקונדעס, און ער האט געענטפערט ״אבער, איך ווייס גאר נישט וועגן שמירת שבת!״

״זארג נישט,״ האט רב גראוסקין געזאגט. ״איך גיי דיר געבן ספרים וועגן שבת וועלכע זענען מסביר אלעס וואס מען דארף טון צו היטן שבת.״ עטליכע טעג שפעטער האט רב גראוסקין טאקע אריבערגעברענגט ספרים וועגן שבת. איין טאג דערנאך איז רב גראוסקין אריינגעקומען באזוכן מילטון אין שפיטאל ערב שבת. מילטון איז געווען צובראכען. ״די דאקטורים זאגן אז די מצב איז ערנסט, און זיי ווילן מאכן אן אפעראציע.״ מילטון איז געבליבן שטיל אפאר סעקונדעס, און נאכדעם האט ער זיך אנגערופן ״איך האב געטראכט אסאך וועגן דעם וואס מיר האבן פריער גערעדט וועגן שבת. און איך האב זיך מיישב געווען אז איך וויל היטן שבת.״

מילטון האט געדריקט א קנעפל לעבן זיין בעט און ער האט גערופן א קראנקע שוועסטער (נורעס). באלד דערנאך איז די נורעס אנגעקומען פרעגנדיק וואס ער וויל. ״מארגען איז שבת,״ האט מילטון געזאגט פאר די גוי׳אישע נורעס. ״דערפאר וויל איך נישט נעמען קיין טעלעפאן קאלס. איך גיי היטן שבת, פון דער שבת און ווייטער.״

באלד דערנאך האט מילטון געדארפט מאכן דער אפעראציע. רב גראוסקין איז געקומען באזוכן מילטון אין דער טאג פון דער אפעראציע. עס איז געווען פיר אזייגער נאכמיטאג ווען רב גראוסקין איז אנגעקומען צום שפיטאל. רב גראוסקין איז געווען זיכער אז די אפעראציע האט זיך שוין לאנג געענדיגט. וועגן דעם איז רב גראוסקין געווארן איבערראשט ווען ער האט געטראפן מילטון׳ס בעט ליידיג. נאך א פאר מינוט זוכן, האט רב גראוסקין געטראפן מילטון׳ס משפחה ווארטענדיק זיצען אויף שפילקעס לעבן דער אפעראציע שטוב. גלייך ווען רב גראוסקין איז אריינגעקומען צו דער משפחה, איז א פראפעסאר ארויסגעקומען מיט אן ערנסטע פנים. ״מיר האבן ארויסגענומען די שלעכטע זאך, אבער יעצט האט מען אן אנדערע פראבלעם, מען קען נישט צומאכן דעם פלאץ פון דער אפעראציע. ער בלוטיגט שטארק. מיר מיינען אז ער וועט נישט דורכלעבן דעם נאכט.״ מילטון׳ס בני משפחה האבן אנגעהויבן צו וויינען שטארק.

רב גראוסקין האט פרובירט צו בארוהיגן די משפחה און ב״ה ער האט אביסל מצליח געווען. ״ווי לאנג מילטון לעבט נאך, דארפן מיר טון אלעס וואס מיר קענען נאר טון. איך לויף יעצט אין שול צו דאווענען מנחה, און נאכדעם גיי איך צולייגן דעם נאמען ׳רפאל׳ צו מילטון׳ס אידישען נאמען. דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל האבן א רפואה שלימה.״

נאך מנחה, האט דער מנין אין שול געזאגט תהילים פאר מילטון, און רב גראוסקין האט אין שול צוגעלייגט ׳רפאל׳ צו מילטון׳ס אידישען נאמען.

רב גראוסקין איז צוריקגעקומען צום שפיטאל שפעטער אין די נאכט, האפענדיג צו הערן בשורות טובות פונעם דאקטור. אבער עס איז נישט געווען קיין נייעס, מילטון איז נאך אלס געווען אין א שווערן מצב. רב גראוסקין איז אהיימגעפארן זיך צו אפרוען אביסל. באלד נאך דעם ווען רב גראוסקין איז אהיימגעקומען, האט ער באקומען א טעלעפאן קאל. ״רב גראוסקין, דא רעדט ׳ביילל׳, איך בין מילטון׳ס ברודער,״ האט אן אויסגעמוטשעטע שטימע געזאגט אויפ׳ן טעלעפאן. ״דער דאקטור האט יעצט געזאגט...״ רב גראוסקין האט געהאלטן זיין אטעם ווארטענדיק אויף וואס מילטון׳ס ברודער וועט זאגן.

פאר מיר גייען ענדיגען די מעשה לאמיר אביסל רעדן פון אן ענין אין דער היינטיגער פרשה וואס איז שייך צו אונזערע מעשה. די פרשה די וואך רעדט פון דעם כח פון שבת צו רייניגען א איד. ווען די תורה רעדט פון יום כיפור, שטייט עס אין די פסוקים, ״כי ביום הזה יכפר עליכם לטהר אתכם מכל חטאתיכם... שבת שבתון היא לכם...״ (ויקרא טז,ל–לא) לויט דעם, האט שבת קודש א שייכות מיט די ענינים פון יום כיפור. אויך שטייט אין של״ה הקדוש אז שבת האט א כח צו מכפר און מטהר זיין א איד, און ״...בכניסת השבת עונותיו מכופרים...״ (מסכת חולין - פרק תורה אור. [עא]) און נישט נאר דאס נאר נאכמער אז ״שבת קודש זמן כפרה...״ (עשרה הלולים - (ז) מצוה עלינו וחובה, לפתוח שער תשובה) איז לאמיר יעצט ענדיגען דער מעשה וואס ווייזט דעם כח פון שבת צו רייניגען א איד...

רב גראוסקין האט גוט צוגעהערט ביילל אויפ׳ן טעלעפאן, ווארטענדיק צו הערן וואס טוט זיך. ״דער דאקטור האט אונז יעצט געזאגט אז ער מיינט נישט אז מילטון וועט דורכלעבן דעם שעה. איר קענט אפשר אריבער קומען צו זיין מיט אונז אין מילטון׳ס לעצטע מינוטן?״ ״איך קום שוין,״ האט רב גראוסקין געענטפערט.

רב גראוסקין איז צוריקגעפארן צום שפיטאל און ער איז גלייך אריין אין מילטון׳ס פריוואטע צימער, וואו ער האט געטראפן מילטון ליגענדיק אין בעט מיט אלע מיני מאשינען אין זיין מויל און נאז. ווען רב גראוסקין איז געקומען נענטער צום מילטון׳ס בעט, האט מילטון פלוצלינג געעפענט זיינע אויגן. ער האט געקוקט אויף רב גראוסקין און אויף זיין משפחה און דאן האט ער אנגעהויבן זיין האנט און געוויזען מיט זיין האנט קעגן הימעל. ״דו ווילסט אז מיר זאלן דאווענען פאר דיך?״ האט רב גראוסקין געפרעגט. מילטון האט געשאקעלט זיין קאפ צו זאגן ׳ניין.׳״ רב גראוסקין האט געבעטן פונעם דאקטור צו ארויסנעמען די טאובס פון מילטון׳ס מויל און נאז, כדי ער זאל קענען רעדן. דער דאקטור האט האט מסכים געווען. יעדער איינער איז געווארן איבערראשט ווען מילטון האט זיך אויפגעזעצט אויף זיין בעט און ער האט אנגעהויבן צו רעדן:

״איר קענט אלע אהיימגיין, אלעס וועט זיין בסדר. אבער ראביי, ביטע בלייבט מיט מיר דא, איך מוז מיט אייך עפעס רעדן.״ דער דאקטור און די משפחה האבן געקוקט אויף מילטון מיט אפענע אויגן, ווייל זיי האבן געמיינט אז מילטון איז שוין געווען אויפ׳ן וועג צו פארלאזן דער וועלט. די עולם איז ארויסגעגאנגען, לאזענדיק מילטון אליין אין דעם שטוב מיט רב גראוסקין. ווען יעדער איינער איז שוין ארויס געווען, האט מילטון אנגעהויבן צו דערציילן פאר רב גראוסקין: ״איך האב געדארפט ארויסשיקען דעם עולם, ווייל זיי וואלטן נישט פארשטאנען וואס איך גיי אייך יעצט דערציילן. די אמת איז, אז זייט די אפעראציע האט זיך אנגעהויבן, בין איך נישט געווען אויף די וועלט... איך בין געווען אין הימעל. אויבן אין הימעל האבן זיי מיך געזאגט אז אויב דער ׳ראביי׳ וועט זיין לעבן דיין בעט ווען דו עפענסט זיך אויף דיינע אויגען נאכן אפעראציע, דעמאלט וועסטו עס דורכלעבן, טאמער נישט וועסטו שטארבן. ווען איך האב געעפענט מיינע אויגן און איך האב דיך געזען, האב איך געוואוסט אז איך גיי עס דורכלעבן.״

צוביסלעך האט מילטון געהאט א רפואה שלימה. ער איז געבליבן אין שפיטאל זיבן חדשים און זיין חשבון ביים שפיטאל איז געווען איבער $260,000! ווען ער איז סוף כל סוף אהיימגעגאנגען, האט ער געוואויגען דריי און אכציג פונד וואס איז גאר ווייניג פאר א איד וואס איז זעקס פוס הויך! יעצט, עטליכע פופצען יאר שפעטער, רופן עס אן די דאקטורים א נס, ווייל זיי האבן משער געווען אז מילטון גייט נישט לעבן מער ווי דריי חדשים. היינט איז מילטון אינגאנצען שומר תורה און מצוות. יעדען טאג פארט ער 25 מיילס צו דאווענען מיט א מנין! און יעדעס יאר פאר פסח העלפט ער רב גראוסקין ארומצוטראגן די פסח פעקלעך. (פון ״חזויות של גדלות״ רב יוסף ווייס, לעיקוואוד)

ווי מער א איד דערווייטערט זיך אין שבת קודש פון וואכעדיגע מחשבות, דיבור און מעשה, וועט די הייליגע שבת האבן א גרעסערער כח צו מכפר און מטהר זיין דעם איד. איז לאמיר אויסניצן יעדע רגע פון שבת קודש כדי מיר זאלן קענען מקבל זיין אלע השפעות טובות פון דעם הייליגען טאג. דאן וועלן מיר אלע זוכה זיין די ווערטער פון דעם נביא, ״אז תתענג על ה׳...״ **גוט שבת אלע אידן.**

**נא לעיין בדף זה לאחר התפילה. לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי׳ וואלפבערג 3234–362 (845)**

**<u>מבצע פאר׳ן נייען יאר: לעש אויס דעם סעלפון פאר׳ן אריינקומען אין שול, כדי עס זאל נישט שטערן דעם דאווענען!</u>**